# LIVING TORAH

## פרשת שמיני

**בס"ד. משיחת י"ט כסלו ה'תשמ"ה.** **הנחה פרטית בלתי מוגה**

### מותר, אבל מיותר
### י"ט כסלו תשמ"ה

וואָס דאָרטן זאָגט ער אַ דבר והיפוכו: פריער זאָגט ער אויף דערויף וואָס ער רעדט ד*אך דאָרטן וועגן ענין פון היפך הטהרה וטהרה, זאָגט ער, אַז דער דין איז, אַז ("כטהור) "כבשר איל וצבי" וואָס "הטמא והטהור יחדיו". און זאָגט, אַז הטהור והטמא קען עסן יחדיו.

ס'קומט צוגיין "רגלי", איז "חייב אדם לטהר עצמו ברגלי", משא"כ כל השנה כולה, וואָס דאָס איז דאָך דער **רוב** השנה – איז מותר לכתחילה מטמא-זיין זיינע חולין און עסן בטומאה וכו', ווי ער איז דאָרט מאריך בארוכה.

און ברענגט נאָך מערע אויף דערויף, אַז דאָס איז דער מאמר חז"ל "דייך במה שאסרתך תורה", ס'איז גענוג אַז דו וועסט מקיים זיין דאָס וואָס תורה האָט געזאָגט, אַז **מ'טאָר ניט** טאָן; עסן חולין שלא בטהרה אָדער עסן אַ טמא וטהור – איז גענוג "במה שאסרתך תורה", און דאָס מעג ער טאָן לכתחילה.

גלייך אין דער הלכה שלאחרי זה,

זאָגט ער, אַז "מידת פרישות" איז, אַז מ'זאָל שומר זיין חוליו בטהרה, און ער זאָל עסן מערניט ווי בטהרה, און דער ענין הפרישות – זאָגט ער – איז "מביאה לידי טהרה" און "מביאה לידי קדושה".

דערנאָך זאָגט ער אַ גוואַלדיקע זאַך, אַז דער ענין הפרישות ברענגט, אַז ער זאָל אָפּגעשיידט ווערן פון **מעשים** רעים (בנוגע לגופו) – די פעולה (לגופו) על **גופו**, און דערנאָך איז ער אויך מוסיף – די פעולה בנוגע **לנפשו**, אַז אָט דעמאָלט ווערט אָפּגעשיידט נפשו פון דעות הרעות, [וכידוע ווי דער רמב"ם איז מאריך אין הלכות תשובה, אַז **דעות** הרעות איז נאָך ערגער פון **מעשים** רעים].

און דערנאָך זאָגט ער נאָך אַ גרעסערע אַ גוואַלדיקע זאַך, אַז דורך דערויף ווערט ער "דומה לשכינה".

וואָס לכאורה איז דאָס אַ דבר והיפוכו: פריער זאָגט ער אויך "הלכות הלכות", און פסק'נט אָפּ אַז "דייך במה שאסרתך תורה", און דערנאָך זאָגט ער, הויבט טאַקע אָן די התחלה אַז דאָס איז אַ "מדת פרישות", אָבער דערנאָך זאָגט ער: וואָס טוט אויף מדת פרישות? – אָט דאָס ברענגט קדושה, און אין וואָס באַשטייט קדושה? – אַז דאָס פאַרהיט אים פון **מעשים** רעים, דאָס פאַרהיט אים פון נאָך אַ גרעסערן מכשול, פון **דעות** רעות, און דאָס ברענגט אים צו נאָך אַ גרעסערע שלימות, וואָס דעמאָלט ווערט ער "**דומה לשכינה**"!

און דערמיט איז ער מסיים די גאַנצע הלכות.

וואָס דער ביאור בזה איז על פי האמור:

**התחלת** העבודה איז – "דייך במה שאסרתך תורה".

במילא, אַז ער הויבט אָן טאַקע "**מחיל**", "דייך במה שאסרתך תורה"; ער בלייבט אָבער ניט שטיין באַ דער הלכה,

וואָס (אַ) סדר ההלכות אין רמב"ם איז דאָס (בסדר) על פי הסדר, און מדוייק: בשעת ער לערנט אָפּ אָט די הלכה – האָט ער גלייך דעם "מחיל אל חיל":

וואָס איז גלייך די הלכה שלאחרי זה? אַז ער דאַרף זיך אָנהויבן טראַכטן, און טאָן בפועל, דער ענין **הפרישות** – דער "פרישות" פון זיך אַליין ווי ער איז געווען בשעת ער האָט געלערנט די פריערדיקע הלכה, איז "לאפשא לה" – לערנט ער נאָך אַן ענין אין תורה, ווערט ער אויך העכער אין "גדול לימוד שמביא לידי מעשה".

און דערנאָך גייט ער אין דערויף גופא "מחיל אל חיל" – אין דעם צווייטן "חיל", קומט ער פון ענין הפרישות - אין ענין הקדושה, וואָס דאָס ברענגט אים אַז ביי אים ווערט אי-אפשריות פון **מעשים** בלתי-טובים, דערנאָך ברענגט דאָס אים אַז ס'ווערט אַן אי-אפשריות אפילו אין עבודת המוחין – אין **דעות** בלתי-



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.

טובות, ביז וואַנענט ער ווערט אַ "**דומה לשכינה**",

וואָס דאָס איז דאָך דער כללות׳דיקער וואָרט וואָס חסידים חזר׳ן, און נשיא דורינו ברענגט דאָס, אַז ס׳איז ניט ווי די וועלט זאָגט, אַז דאָס וואָס מ׳מעג – **מעג** מען דאָך, און דאָס וואָס מ׳מעג **ניט** – אפשר קען מען געפינען עפּעס אַ וועג און אַ **היתר** און אַ **בדיעבד** וכו׳ –

זאָגן חסידים **ניט** אַזוי: אַז דאָס וואָס מ׳טאָר ניט – **טאָר מען דאָך ניט**; אָט דאָס וואָס מ׳מעג – דאַרף מען אויך באַטראַכטן צי **דאַרף** מען דאָס!

וואָס דאָס איז דער סדר און דער פסק-דין אין רמב״ם, אַז דאָס וואָס מ׳טאָר ניט – **טאָר מען ניט**. דאָס שטייט אין דער **פריערדיקער** הלכה. דערנאָך איז דאָ דאָס וואָס מ׳מעג, "דייך במה שאסרתך תורה" – זאָגט ער גלייך אין דער הלכה שלאחרי זה, אַז ער דאַרף זיך באַטראַכטן צי **דאַרף** ער דאָס טאָן! צי דאָס איז פאַר **אים** אַ מעג.

און דאָס איז ניט אַ זאַך, אַ **הידור** מצוה – דאָס איז אַ הלכה אין רמב״ם.


© 2004 Jewish Educational Media, Inc.